# מאַשע ראָסקעס און אירע לידער: וועגן דעם ווידעאָ

# "Daughter of Vilna: The Life in Song of Masha Roskies"

פֿון איציק גאָטעסמאַן

ווי וויכטיק זינגלידער זענען געווען אינעם אויפֿבוי פֿון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור איז אַ טעמע וואָס איז כּדאַי צו באַשרײַבן און אויסצופֿאָרשן. מע טראַכט געוויינטלעך, אַז זינגלידער זענען אַ זײַטיקער „פּראָדוקט" פֿון אונדזער ליטעראַטור, אָבער מע פֿאַרגעסט אין דער סאָציאַלער דימענסיע פֿון געזאַנג, ווי דאָס זינגען האָט געשאַפֿן אַ סבֿיבֿה פֿאַר די ייִדן און דער יוגנט בפֿרט, און אַזוי אַרום געהאָלפֿן פֿאַרשפּרייטן נישט נאָר אַן אידעאָלאָגיע (ציוניזם, סאָציאַליזם, יידישיזם אאַ'וו), נאָר אויך אַ שטימונג אָדער שטימונגען, פֿאַר אַ גאַנצן דור.

מאַשע ראָסקעס (1999־1906) איז נישט נאָר געווען אַ פֿײַנע זינגערין; זי איז געווען מער – אַ קולטור־טרעגערין. זי האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט די לעצטע לידער־שאַפֿונגען פֿון איר ייִדישיסטישער סבֿיבֿה אין ווילנע און זיי ווײַטער צעזונגען. איך האָב געלייענט אין אַן אַליין־פֿאַרשריבענער געזאַנגהעפֿט פֿון טשערנאָוויץ פֿון די 1930ער יאָרן, אין וועלכער עטלעכע לידער האָט מען באַצייכנט ווי „געלערנט פֿון מאַשע ראָסקעס" ווען זי האָט דאָרטן געוווינט אויף עטלעכע יאָר אויפֿן וועג קיין מאָנטרעאַל, ווו זי האָט זיך באַזעצט מיט איר מאַן לייבל און טעכטערל רות אין 1940.

עס איז מאַשע ראָסקעסן געווען באַשערט, אַז צוויי פֿון אירע קינדער זאָלן אויפֿוואַקסן און ווערן יידיש־פּראָפֿעסאָרן און וויכטיקע פֿירער אין דער ייִדישער אַקאַדעמישער וועלט: ד"ר רות ווײַס איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט און ד"ר דוד ראָסקעס פֿירט אָן מיטן אָפּטייל פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. אַ דאַנק זיי איז דער ווידעאָ וועגן זייער מאַמען געשאַפֿן געוואָרן און די סטרוקטור פֿון דער ווידעאָ איז באַזירט אויף אַ לעקציע וועגן מאַשע ראָסקעס און אירע לידער, וואָס די צוויי קינדער אירע האָבן געהאַלטן אין „דער נאַציאָנאַלער ביכער־צענטראַלע" אין אַמהערסט. אַ חוץ דער לעקציע, האָט דער רעזשיסאָר דזשאַש וואַלעצקי, אַ מײַסטער פֿילם־רעדאַקטאָר, אַרײַנגעפֿלאָכטן טיילן פֿון אַ ווידעאָ־אינטערוויו מיט פֿרוי ראָסקעס, און שייכדיקע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דער משפּחה אין ווילנע און אין מאָנטרעאַל. דער עיקרשט, הערט מען די ייִדישע לידער געזונגען פֿון מאַשע ראָסקעס.

אין אַן אַרטיקל אינעם זשורנאַל „די פּען" האָט פּראָפֿ' ראָסקעס אַ מאָל באַשריבן זײַן מאַמעס רעפּערטואַר, און באַמערקט, אַז זײַן מאַמע האָט נישט געקענט די אַלטע פֿאָלקסלידער. לויט דעם ווידעאָ, איז דאָס נישט געווען אין גאַנצן ריכטיק – זי האָט יאָ געקענט די לידער פֿון צונזערן, לידער פֿון פּורים־שפּילן און מסתּמא אַנדערע אויך; אַ זינגערין מיט אַ גוטן זכּרון וועלכע וואַקסט אויף אין אַ זינגנדיקער סבֿיבֿה געדענקט דאָך אפֿילו לידער וואָס זענען איר נישט אין גאַנצן צום האַרצן. אמת, דער קערן פֿון איר רעפּערטואַר איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער נײַערער ייִדישער קולטורוועלט אין ווילנע, און די לידער אַנטפּלעקן אַ יוגנט פֿול מיט הומאָר, אינטעלעקטועלע און אידעאָלאָגישע שטרעבונגען, און אַ ליבשאַפֿט צו ייִדיש. זעט אויס, אַז איר „ספּעציעליטעט" זענען געווען די לידער פֿון מרדכי געבירטיג, און דער קראָקאָווער פּאָעט אַליין האָט געהאַט געהערט פֿון אירע אויסטײַטשונגען פֿון זײַנע לידער און אונטערגעשריבן זײַן בוך פֿאַר איר.

אַריבערגעטראָגן אין די בראשית־צײַטן פֿון דער ייִדישער געשיכטע; אין די צײַטן, ווען עס האָבן געלעבט די גרויסע ייִדישע דענקער און חכמים. ווי אמתע כּהנים האָבן ביידע זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, פֿון מענטשן, פֿון אַלע וואָכעדיקע זאַכן, צונויפֿגעקליבן די געפּיצלדיקע שאַפֿונגען און איבערגעשאַפֿן די נישט־העברעיִשע, די אַראַמעיִשע אין ריין העברעיִש, דערנאָך זיי איבערגעשמאָלצן אין ייִדיש. און וואָס מער זיי האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט, אַלץ מער איז געוואַקסן זייער התפּעלות, זייער שׂמחה פֿון די נײַ־אַרויסגעשעפּטע אוצרות. די שיינע געדאַנקען, אויסדרוקן, וואָס זיי האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצושעפּן, האָבן געמונטערט און געשטאַרקט די מחברים אין זייער מאָנומענטאַלער אַרבעט.

ראַבֿניצקיס זון אליהו, וועלכער האָט טאָג נאָך טאָג זיי געזען אין דער שעפֿערישער באַגײַסטערונג, האָט אין יאָרן אַרום דערציילט, אַז ביאַליק האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן: „ווען איך מיט ראַבֿניצקין וואָלטן געשאַפֿן נאָר דעם 'ספֿר אגדה', האָבן מיר נישט אומזיסט געלעבט... איך באַדויער בלויז, וואָס נישט אין יעדער ייִדישער שטוב געפֿינט זיך אָט דער אוצר... דאָס איז אַ סימן פֿאַר דער שטוב, פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, אַז די אמתע קולטור איז נאָך אין אים נישט אַרײַנגעדרונגען“...

און דאָ האָבן ביאַליקס און ראַבֿניצקיס „ייִדישע אגדות“ ברייט אַ שפּאַן געטאָן איבער דער וועלט. די ערשטע צוויי בענדער זײַנען דערשינען אין אַדעס אין 1912. דערנאָך זײַנען געוועזן נאָך אויסגאַבעס. און אָט עפֿן איך דעם פֿערטן באַנד פֿון דער אויסגאַבע, דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1948, און לייען אויף דער 111טער זײַט:

„וועגן לוין און שטראָף... ר' לוי האָט אין שײַכות דערמיט געבראַכט אַ משל: 'בײַם פֿענצטער אין אַ שטײַגל איז אַ געפֿאַנגען פֿייגעלע געזעסן און פֿון אַ שיסעלע אַ פֿולס גרייטס געגעסן: פּיק־פּיק קינדערלעך, פּיק־פּיק!.. דערנעבן אויף אַ צווײַגל, אַ פֿייגעלע צווייטס, זעט אויס – שטאַרק הונגעריק געוועזן, האָט עס מיט קנאה צוגעזען און מיט אַ זיפֿצעלע געזאָגט: 'אַך־אַך! אַז איינעם איז באַשערט אַ גליק – זיצט ער זיך רויִק־שטיל אויף גרייטע קעסט און פֿרעסט... און וויפֿל ער פֿאַרמאָגט אַלץ נאָך, אַלץ מער אים... און איינער – אָך און ווי, איז גאַנצע טעג פֿאַריאָגט, פֿליט אום מיט אײַנגעשרומפּענע געדערים – און יעדער קערנדל קומט אָן אים מיט גרינע ווערים'. – 'ביסט מיר מקנא? – ענטפֿערט אָפּ דאָס פֿייגעלע פֿון שטײַג, – מקנא ביסטו מיר? אויף אַלע שונאים! דו נאַר איינער, שווײַג בעסער, שווײַג: דו זעסט מײַן שפּײַז – אָבער צי זעסטו אויך מײַן שטײַג'?“

דאָס איז נאָר איין טראָפּן חכמה פֿון ביאַליקס און ראַבֿניצקיס „ייִדישע אגדות“. און כאָטש זיי זײַנען נאָך נישט געקומען אין יעדער ייִדישער שטוב, זײַנען זיי דאָ, און יעדער איינער האָט אַ מעגלעכקייט אַלע מאָל זיך צוצוכאַפּן צו אָט דעם קוואַל, און שעפּן פֿון אים, שעפּן...

# בײַשטײַערונגען צום ייִדישן קעמפֿער

מיר דרוקן, דאָ ווײַטער, די בײַשטײַערונגען צום „קעמפֿער“ פֿון אונדזערע טײַערע לייענער און פֿרײַנד:

מר. און מרס. בען כּהן

מר. און מרס. דעני מען

מר. און מרס. קאָלעמאַן בלומפֿילד

מר. און מרס. יששׂכר קרוגלין

רייזל גאָלדשטיין

עליזע פֿרימער

ראַבײַ ד"ר אַלען קענסקי

פּראָפֿ' תּקווה פֿרימער־קענסקי

מיר דאַנקען האַרציק אַלע בײַשטײַערער צום „קעמפֿער“, וועלכע דערמעגלעכן דאָס ווײַטערדיקע דערשײַנען פֿון אונדזער זשורנאַל.

מיר דריקן אויס אונדזער צער און טרויער אויף דער פּטירה פֿון אונדזער ליבן חבֿר און פֿרײַנד

## אירווינג ווישניאַ ע"ה

אַ באַקאַנטער ציוניסטישער טוער און אַ לאַנגיאָריקער לייענער און שטיצער פֿונעם ייִדישן קעמפֿער

מיר דריקן אויס אונדזער טיפֿן מיטגעפֿיל צו זײַן פֿאַראָבֿלטער משפּחה און ווינטשן, אַז זיי זאָלן מער פֿון קיין צער נישט וויסן.

**כּבֿוד זײַן אָנדענק!**

די רעדאַקציע



**מאַשע און לייב ראָסקעס אין טאָג פֿון זייער חתונה, ווילנע, דעם 14טן פֿעברואַר 1930.**
**פֿון לינקס, זיצנדיק: אָדעל ראָסקעס (די מאַמע פֿון לייבל ראָסקעס),**
**מאַשע ראָסקעס און פערעלע, איר שוועגערין. לייבל ראָסקעס שטייט.**

אין גאַנצן גענומען, איז דער ווידעאָ געמאַכט געוואָרן מיט פֿאַרשטענדעניש. די פֿילממאַכערס, די צוויי קינדער און דזשאַש וואַלעצקי, זענען געווען באַגרענעצט מיט וואָסערע מאַטעריאַלן זיי האָבן געהאַט בײַ דער האַנט, און פֿון דעסטוועגן איז דער ווידעאָ טעכניש גוט געמאַכט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מאַשע ראָסקעס איז נישט נאָר געווען אַ סימבאָל פֿון דער ייִדישסטישער קולטור אין ווילנע, נאָר אַ ווײַב, מאַמע און באָבע אויך, און דער עולם באַקומט נאָר אַ קליין בילדל פֿון איר פערזענלעכן לעבן. אויך נישט אַרומגערעדט אין דער ווידעאָ, זענען די פֿאָלקלאָריסטישע פֿראַגעס – ווי פּאַסט זיך אַרײַן מאַשע ראָסקעס אין דער טראַדיציע פֿון ייִדישע פֿאָלקזינגערס, צי האָט זי געירשנט איר סטיל פֿון איר מאַמען, צי פֿונעם ייִדישן טעאַטער, צי ברענגט זי אַרײַן אַ נײַעם מין זינגען אין דער ייִדישער געשיכטע? דער ענטפֿער אויף אַלע דרײַ וואָלט געקענט זײַן יאָ. דאָס הייסט אַז די קולטורעלע זײַט פֿון מאַשע ראָסקעס האָט מען געדעקט, אָבער די קינסטלערישע זײַט רופֿט אַרויס נאָך נישט־פֿאַרענטפֿערטע קשיות.

דער ווידעאָ „דאָס לעבן אין געזאַנג פֿון מאַשע ראָסקעס" איז אַ גאָר חשובֿער צושטײַער צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קולטור אין מיזרח־אייראָפּע, ספּעציעל ווען קיין אַנדערע אַזוינע דאָקומענטן וועגן אונדזערע פֿאָלקזינגערס זענען נישטאָ פֿאַראַן.

# פֿאַרשיקט נאָך... כּתריאלעווקע...!

## עפּיזאָד פֿון וואָגלענישן

פֿון יעקבֿ בעלעק



יעקבֿ בעלעק

אין אַ נאָרמאַלער צײַט וואָלט עס אויסגעזען ווי אַ חלום... ווײַל מיט עטלעכע טעג פֿריִער האָבן מיר זיך נאָך געפֿינען אין אַ פֿאַרמאַכטן עשעלאָן, אין וועלכן די „עס־עס"־באַנדעס האָבן געפֿירט הונדערטער ייִדן אין אַרבעט־לאַגערן. און נאָר דורך אַ צופֿאַל איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפֿן, אויסבאַהאַלטן זיך אין די וועלדער. געשען איז עס אין אַ פֿינצטערער נאַכט, ווען מיר זענען אַריבערגעשווומען דעם גרענעץ־טײַך „בוג" און נאָך שווערע וואַנדער־טעג זיך באַוויזן אין דער הויפּטשטאָט פֿון אוקראַיִנע – קיעוו!

נאַטירלעך, האָבן זיך ערשט דאָ אָנגעהויבן אונדזערע שוועריקײַטן. רעפּאַטריאַנטן איז פֿאַרבאָטן געווען צו אַרבעטן אין דער הויפּטשטאָט. דאָך האָט זיך געפֿינען אַ שטאָטישער עסקן, וועלכער האָט אונדז פֿאָרגעלייגט אַ מאָדנעם פּלאַן: פֿאַרשיקט צו ווערן אין איינעם פֿון די שטעטלעך אין פּאָלטאַווער גובערניע.

* * *

צופֿרידענע, האָט מען אויפֿצומאָרגנס זיך שוין געשטופּט צווישן הונדערטער פּאַסאַזשירן אויף דער אַלטער, קרעכצנדיקער שיף, וועלכע האָט זיך געשלעפּט איבער די וואַסערן פֿון דניעפּער, געשלייכט זיך און געסאַפּעט. צײַטנווײַז האָט זי אויך אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן פֿײַף מיט אַ שוואַרצן, קלעפּיקן רויך, און מיט אַ סאַזשע פֿאַרשמירט די פּנימער פֿון די מידע פּאַסאַזשירן. אָבער ווען די שיף האָט זיך גענומען באַוועגן אַ ביסעלע שנעלער, האָט זי זיך אָנגעהויבן וואַרפֿן ווי אין אַ קדחת; מ'איז געפֿאַלן איינס אויפֿן צווייטן.

ס'רובֿ פּאַסאַזשירן זענען טאַקע געווען גרייט אויף פֿאַרשיידענע סופּריזן און זענען געווען אָנגעשפּאַרט אויף פּעק און זעק. אַ סך פֿון זיי זענען גאָר געלעגן אויסגעלייגט אויף די נאַסע ברעטער און געציטערט פֿון קעלט. דערבײַ האָבן מאַנכע פֿון זיי אַזוי געכראָפּעט, ווי אין אַ בעט פֿון אַ טײַערן האָטעל־צימער און געשלאָפֿן אַ זיסן שלאָף.

אין דער אַנדערער זײַט פֿון דער שיף איז גאָר געווען אַ רעש און געפּילדער, אַז מען האָט קוים געהערט דאָס סאַפּען פֿון דער שיף. אַ געשריי פֿון קינדער, מיט קרייענדיקע הענער און קוויטשענדיקע חזירים האָבן פֿול געמאַכט אַלע טיילן, וווּ עס האָבן זיך נאָר געפֿינען פּאַסאַזשירן, און ערשט דאָס האָט זיך פֿאַרמישט מיט אַ שטאַרקן געשטאַנק פֿון מאַכאָרקע, שווייס און היימישער וואָדקע.

צווישן דאָזיקן מענטשן־ווירוואַר איז דאָך שווער געווען עפּעס געוויער צו ווערן: וווּ געפֿינט עס זיך דאָס דאָזיקע אָרט, וווּ אַהין מען פֿאַרשיקט אונדז אויף אַרבעט? ערשט ווען עס האָט גענומען שאַרִיען אויף טאָג, האָט מען אונדז גערופֿן און אַראָפּגעלאָזט אין עפּעס אַ דאָרפֿישן פּאָרט און געזאָגט: חבֿרה, דאָ איז עס...! און מיר האָבן באַטראָטן אַ נײַע ערד.

אַרום איז געווען אַ פֿאַרבלענדטע ווײַסקייט. אַלץ האָט זיך דאָט געטונקען אין שניי. אַפֿילו די הײַזער האָבן דאָ אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פֿון שניי־בערג. פּלוצעם איז אָנגעפֿאָרן אַ שליטן מיט דרײַ מענטשלעכע געשטאַלטן, און איינער פֿון זיי, האָט אונדז גלײַך באַגריסט אויף מאַמע־לשון – אין אַ שיינעם ייִדיש, האָט ער אונדז אַרײַנגעבעטן אין אויסגעבעטן שליטן און מיר נעמען שוין פֿאָרן...

נאָך אָנדערהאַלבן שעה זיך גליטשן אין שניי, דערפֿאָרן מיר צום שטאָטישן קלוב. דאָרטן איז געווען אַ גרויסער, פֿירעקיקער זאַל, אַ ליידיקע בינע אָן דעקאָראַציעס, אויסגעפֿילטע רייען מיט הילצערנע בענק. בלויז פֿון די צוויי זײַטן ווענט, האָבן אַראָפּגעקוקט צוויי גרויסע בילדער: איינער פֿון אוקראַיִנישן דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ און אַנטקעגן אַ בילד פֿון אונדזער גוט באַקאַנטן – שלום־עליכם...!

פּלוצלונג האָט זיך עמעצן אַרויסגעריסן: איצט זענען מיר שוין מיט מזל אין גאָר אַ נײַער וועלט!...